

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'** הר"ד יואל כף הי"ו

# שאלות אויף פרשת דברים

**א. וועלעכע סדרה גייט די וואך ?** דברים.

**ב. וואס איז טייטש דברים ?** די שטראף רייד.

**ג. ווער האט געזאגט שטראף רייד ?** משה רבינו.

**ד. פאר וועמען ?** פאר די אידן.

**ה. פארוואס זאגט משה רבינו פאר די אידן שטראף רייד ?** ווייל ער וויל אז די אידן זאלן תשובה טוהן.

**ו. וואס דארף אַ איד טוהן אויב ער האט געמאכט אַ עבירה ?** ער דארף תשובה טוהן.

**ז. משה רבינו גייט אריין אין ארץ ישראל ?** ניין.

**ח. ווער וועט אריין טראגן די אידן און וועט זיין זייער רבי ?** יהושע.

**ט. וואס הייבט זיך אן ראש חודש אב ?** די ניין טעג.

**י. וואס טאר מען נישט עסן און טרינקען אין די ניין טעג ?** עסן פלייש. און טרינקען וויין.

**יא. נאר ווען מעג מען ?** שבת קודש.

**יב. וואו טאר מען נישט פארן אין די ניין טעג ?** אין ים אדער אין בריכה.

**יג. פארוואס טאר מען נישט עסן פלייש און טרינקען ווייל און פארן אין ים ?** ווייל אין די טעג איז געווען אסאך צרות פאר די אידן.

**יד. ווי אזוי הייסט די שבת ?** שבת חזון.

*בברכת אַ גוט שבת און פיל נחת פון די קינדער שיחיו*

*המלמד*

**ניגון:** גלות גלות ווי גרויס ביסטו שכינה הקדושה ווי ווייט ביסטו, וואלט די גלות קלענער געווען וואלט די שכינה הקדושה נענטער געווען



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב׳** הר"ר יואל כף הי"ו

# די וואך פרשת דברים האבן מיר פארציילט:

## אלה הדברים...

משה רבינו זאגט פאר די אידן שטראף רייד - שטראף רייד איז אז ער דערמאנט זיי די אלע זאכן און פלעצער וואו די אידן האבן געזינדיגט פאר די אייבישטער, פארוואס דערמאנט ער זיי יעצט? ווייל משה רבינו גייט נישט אריין גיין אין די הייליגע לאנד ארץ ישראל נאר די אידן משה רבינו גייט נפטר ווערן אין מדבר, פאר ווען די אידן גייען אריין גיין אין ארץ ישראל און משה רבינו וויל אז די אידן זאלן תשובה טוהן אויף די אלע עבירות דערמאנט ער זיי יעצט.

## מול סוף בין פארן...

משה רבינו דערמאנט זיי די אלע זאכן פון ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים האבן די אידן געזעהן ווי אזוי די מצריים גוים לויפן זיי נאך און זיי קענען נישט אוועק לויפן ווייל ס׳איז געווען אנטקעגן זיי די גרויסע ים סוף האבן זיי געוויינט פאר דער אייבישטער אז אין מצרים איז בעסער ווי אין מדבר - אויך דערמאנט זיי משה רבינו ווי אזוי זיי האבן סתם געוויינט אז זיי ווילן עסן פלייש זיי האבן געהאט יעדן טאג פיינע מן פון הימל - אויך אז קרח מיט זיינע מענטשן האבן זיך געקריגעט מיט משה רבינו און אהרן הכהן - אויך אז די מרגלים האבן גערעדט לשון הרע אויף די הייליגע לאנד ארץ ישראל און די אידן האבן געגלייבט די מרגלים אז ס׳איז נישט קיין גוטע לאנד, און די אידן האבן געוויינט סתם, זיי האבן נישט געגלייבט פאר יהושע מיט כלב - און אויך אז די אידן האבן געדאווענט צו די עבודה זרה וואס די מדינים האבן זיי צוגערעדט און אז זמרי האט חתונה געהאט מיט א גויטע - און אויף די אלע עבירות דארפן די אידן מאכן תשובה און די אידן האבן טאקע אזוי געמאכט און זיי האבן תשובה געטוהן.

### יהושע בן נון העומד לפניך הוא יבוא שמה

משה רבינו גייט נפטר ווערן פאר ווען די אידן גייען אריין אין ארץ ישראל. איז ווער וועט זיין די רבי פון די אידן? יהושע בן נון ער גייט ווערן די רבי פון די אידן ער גייט יא אריין גיין אין ארץ ישראל און ער וועט לערנען מיט די אידן די הייליגע תורה, משה רבינו האט ארויף געלייגט זיינע הייליגע הענט אויף יהושע׳ס קאפ און ער געבט איהם א ברכה אז ער זאל האבן כח צו לערנען מיט די אידן די הייליגע תורה און ער זאל נישט מורא האבן פון די אלע גוים וואס וואוינען אין ארץ ישראל און דער אייבישטער וועט איהם אייביג העלפן.

## משנכנס אב ממעטים בשמחה...

מיר האבן פארציילט פאר די קינדער וועגן די צוויי בית המקדש׳ס וואס זענען חרוב געווארן ט׳ באב די אנדערע וואך וועלן מיר עס אי"ה אהיים שיקן.

מיר האבן געלערנט די וואך די אותיות **נ ן ס** וואס ס׳הייבט זיך אן מיט א **נ**
**נ**אז **נ**אכמיטאג **נ**עגל וואסער און וואס ס׳הייבט זיך אן מיט א **ס** **ס**ידור **ס**פר